# A Fremder

## אַ פֿרעמדער

(Yiddish version)


by Israel Joshua Singer

(30 November 1893 - 10 February 1944)

אַז די פּויערים אין דאָרף לעשנאָווקע האָבן זיך אין דער פרי דער־וואוסט, אַז מ׳האָט ביי זייער שכן רפאל דעם מילנער אַרויסגעפירט ביי־נאַכט ביידע פערד זיינע פון שטאַל אַרויס, האָבן אַלע געלאָזט שטיין די אַרבעט אין פעלד און אַוועק צו דער מיל.

אויפן גרויסן פאַרמעליקטן הויף, איבער וועלכן הינער האָבן געפּיקט קערנער, איז די שטאַל געשטאַנען אויפגעפּראַלט. די אייזערנע שטאַבע אויף דער טיר פון שטאַל איז געווען איבערגעשניטן אויף דער העלפט.
רפאל דער מילנער, אַ ברייט־ביינערער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד וואָס איז פאַרווייסט פון מעל און מיט געצויגענע פלייצעס פון שלעפּן זעק תבואה, האָט געקוקט מיט אומעטיקע שוואַרצע אויגן פון זיין פאַרמעלט פּנים אַרויס און באַטראַכט די צוויי געשפּאַנען, וואָס האָבן איבעריקע גע־האַנגען אויף דער וואַנט. ביילע, זיין ווייב, אַ יידענע מיט אַ הויכן בוזים, וואָס איז באַשטעקט מיט שפּילקעס און נאָדל־פאָדעם, האָט געבראָכן די הענט און געיאָמערט מיט אַ ניגון פון אַ באַווײנערקע:

- אַזאַ פּאָר ליכטיקע פערד – האָט זי נאָכגעזאָגט שבחים און גע־וויינט אין פאַרטעך אַריין - אַזאַ פּאָר טייערע לייבן.

רפאלס הונט "בורעק", אַ גרויסער ברוין־הויטיקער כלב, וואָס אַז ער פלעגט אַריין אין צאָרן, פלעגט ער איבעררייסן די קייט מיט וועלכער ער איז געווען צוגעבונדן, איז געלעגן אין מיטן הויף, אַ דערשטיקטער, מיט אַ לאַנגער בלויער צונג אַרויסגעשטעקט. פליגן האָבן געזשומעט און געדרייט זיך אין קאַראַהאָדן אַרום דער הינטישער צונג. די פּויערים האָבן מיט די שפּיץ־שטיוול צוגעגלעט די דערשראָקענע אויפגעשטעלטע האָר איבער דעם הונטס רוקן און געשאָקלט מיט די קעפּ:

- אוי, ראַפאַל, ראַפאַל, אַ שווערע עוולה איז דיר געשען - האָבן זיי אים באַדויערט.

רפאל איז געגאַנגען איבערן הויף און געזוכט סימנים פון די פער־דישע פּאָדקאָוועס. אָבער קיין שום שפּורן זיינען נישט געווען.

- סיידן מיט כישוף זיי אַרויסגעפירט – האָבן די גויעס געמורמלט

- קיין סימן פון קיין טריט נישטאָ.

- וואָס פאַר אַ כישוף? - האָט יאַן דער שמיד אַוועקגעמאַכט מיט דער פאַרקאַשערטער און אויסגעשמירטער האַנט - זיי האָבן די פיס מיט זעק אַרומגעבונדן, די הינטישע זין, און ס´איז קיין סימן נישטאָ ...

פון דאָרף זיינען אַלץ נייע פויערים אָנגעקומען. די איבערגעשניטענע אייזערנע שטאַבע, דער געהרגעטער הונט אויפן הויף האָבן געוועקט צאָרן און מורא צוזאַמען אין די פויערישע הערצער:

- שניידן לעבעדיקע פאַסן דאַרף מען פון די גנבים – האָבן רויע קולות זיך געהערט.

- און דערנאָך באַשיטן מיט זאַלץ – האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

זיי זיינען געוועזן אויסער זיך פון צאָרן, רפאל דעם מילנערס שכנים.

ערשטנס, איז רפאל געווען אַן אייגענער אין דאָרף. ניט נאָר ער אַליין, נאָר אפילו דער פאָטער זיינער איז געבאָרן געוואָרן אין ליעש־נאָווקע אַלטע פויערים האָבן נאָך אפילו זיין זיידן געדענקט, ווען ער איז געווען אַ פאַכטער ביים פּריץ אין הויף. אויך האָט ער זיך געפירט ווי די פויערים אין דאָרף, רפאל, גאָר ווי קיין ייד נישט. נישט ער האָט אַ קרעמל געהאַלטן, נישט עד האָט זאַכן אויפגעקויפט. צוגלייך מיט אַלע לישנאָווקער באַלעבאַטים האָט ער אַליין באַאַרבעט די ערד זיינע, האָט האָלץ פון וואַלד געפירט, בהמות געהאָדעוועט, צוגלייך מיט די פויערטעס אין דאָרף האָט ביילע זיין ווייב געגראָבן קאַרטאָפל, געמאָלקן די קי, און אויף יעדן יאַריד אין שטעטל געפאָרן צו פאַרקויפן גענדז, הינער און אייער. אין דער אַלטער ווינט־מיל זיינער, האָבן אַלע פויערים פון אַרום געמאָלן זייער קאָרן. רפאלס וואָג, האָט מען געוואוסט, איז אַ פּינקטלעכע, מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. אַחוץ דעם וואָס ער האָט ניט דערמאָנט אין רעדן די הייליקע מוטער, יעזוס־קריסטוס און זיינע הייליקע וואונדן, האָט ער גערעדט פּויליש מיט אַלע פויערים גלייך. און אפילו אין כוחות איז ער נישט אָפּגעשטאַנען פון די שטאַרקסטע באַלעבאַטים אין דאָרף. זייער גרינג איז ער מיט אַ "קאָרץ" תבואה געגאַנגען איבער די שמאָלע טרעפּ פון זיין מיל. זיי האָבן אים דערפאַר פאַר אַן אייגענעם געהאַלטן, פאַר אַ ליעשנאָווקער, און זיי האָבן זיין עוולה געפילט ווי זייערס אַן אייגענע.

צווייטנס, זיינען זיי אומרואיק געווען פאַר זיך אַליין. דער איינציקער

אין דאָרף, וואָס האָט געהאַט אַן אײַזערנע שטאַבע איבער דער טיר פון זיין שטאַל, איז געווען רפאל דער מילנער. אויך אַ הונט האָט ער געהאַט אַ גרעסערן און בייזערן פון אַלע אַנדערע שכנים אין דאָרף. אויב מען האָט פון זיין שטאַל געקאָנט די פערד אַרויספירן, איז שוין דאָס דאָרף הפקר, איז קיינער מיט זיין פערדל נישט זיכער.

תחילת האָבן פויערים גענומען טענהן, אַז דאָס האָבן ציגיינער געטאָן. זיי גנבענען שטענדיק פערד, די שוואַרצע געצנדינער, און נאָר ביי זיי דאַרף מען זוכן. אָבער יאַן דער שמיד, דער חכם פון דאָרף וואָס קען לייענען און שרייבן, האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער פאַרקאַשערטער אויסגעשמירטער האַנט:

- נאַרישקייטן רעדט איר, מענטשן - האָט ער געזאָגט מיט ווירדע, ווי תמיד, ווען ער, דער געלערנטער, רעדט צום פּראָסטן המון - ערשטנס, האָבן שוין ציגיינער לאַנג דאָ זייערע געצעלטן נישט פאַרלייגט. צווייטנס, האָבן ציגיינער ליב צו גיין אויף אַ לייכטער גנבה. שניידן אייזערנע שטאַבעס קענען זיי ניט, און דאָס איז נישט זייער אַרבעט.

- אויב אַזוי, האָט עס יונה דער שינדער געטאָן - האָט אַן אַלט פויערל געפּרואווט טרעפן - ער איז אַ שטאָטישער און ער ווייסט ווי אַזוי צו מייסטערעווען ביי אייזן.

יאַן האָט נאָכאַמאָל ערנסט באַטראַכט די איבערגעשניטענע שטאַבע און דעם געדאַנק וועגן יונה דעם שינדער אויך אָפּגעוואָרפן:

- יונה קען אָפּדרייען אַ שלאָס - האָט ער געזאָגט - אָבער שניידן אַ שטאַבע קען ער נישט. דערצו וואָלט יונה זיך נישט אָנגעהויבן מיט קיין הונט. אַ ייד האָט פאַר אַ הונט מורא. באַקאַנט ...

די פויערים האָבן זיך געקראַצט די קעפּ:

- ווער דען האָט עס געקאָנט טאָן? - האָבן זיי געפרעגט ביים שמיד - זאָג דו, יאַן ...

יאַן האָט געלאַסן אויסגעגלעטע מיט די אויסגעשמירטע פינגער ביידע בלאָנדע וואָנצעס אויף רעכטס און אויף לינקס און גערעדט געלאַסן:

- דאָס איז דעם בלינדן צעגעלעקס אַרבעט. ער איז אַמאָל אַ שמיד געווען. דערצו איז ער געזעסן אין קרימינאַל מיט שטאָטישע גנבים און זיי האָבן אים אויסגעלערנט שניידן אייזן.

- ריכטיק, יאַן - האָבן די פויערים זיך דערפרייט - דאָס איז עס טאַקע. און מיט הינט קען ער אויך אומגיין, צעגעלעק, נאָך פון די

צייטן ווען ער איז אַ הונט־שלעגער געווען. אַזעלכע קענען דעם גרעסטן הונט בייקומען ...
פון וועג איז דער עלטסטער פון דאָרף אָנגעקומען, דער "וואָיט".
ער איז געגאַנגען מיט געלאַסענע טריט, ווי פאַר אַן עלטסטן פּאַסט. דאָס בלעכל פון זיין אַמט איז געווען צוגעטשעפּעט צו דער ברוסט. די פּויערים האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט און געמאַכט אים אַ וועג צו דער שטאַל. ער האָט באַטראַכט די ליידיקע שטאַל און געלאָזט הערן זיין אָפּי־ציעל וואָרט:
- אַרויסגעפירט די פערד - האָט ער געזאָגט פייערלעך, ווי ער וואָלט אַ נייס אַנטדעקט - און קיין צייכנס זיינען נישטאָ.
- מיר זיינען נישט זיכער מיט די פערד אין די שטאַלן.
- מען דאַרף זוכן ביי צעגעלעקן.
- מ´דאַרף צעגעלעקן איינזעצן.
- ס´גאַנצע דאָרף ליידט פון דעם גנב!
- לאָמיר גיין צו צוגעלעקן!
- לאָמיר גיין צו צעגעלעקן - האָט דער "וואָיט" געזאָגט.
ער איז געגאַנגען פריעראויס. לעבן אים, יאַן דער שמיד און רפאל דער מילנער. נאָך זיי די פּויערים, צו לעצט די ווייבער און די קינדער, פון אַ זייט פון דאָרף, אָפּגערוקט פון אַלע הייזער, אויף אַ בערגל איז גע־שטאַנען צעגעלעקס הייזל, אָפּן צו אַלע ווינטן, אָן איין שטיקל פּלויט, אָן איין ביימל. פאַר דער טיר איז געשטאַנען צעגעלעק און געהאַקט אַ קרומען וואָרצל פון אַ בוים, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן פון דער ערד. כאָטש ער האָט געזען די מענטשן דערנעענטערן זיך צו זיין הויז, האָט ער נישט אומגעקוקט זיך אויף זיי און ווייטער געהאַקט האָלץ. ערשט ווען דער הונט זיינער האָט גענומען רייסן זיך אויף דעם קייטל און מיט וויל־ דער רציחה בילן אויף די אָנקומענדיקע, האָט ער געלאָזט שטעקן די האַק אין האָלץ און איינגעשטילט דעם הונט.
- טשיכאָ, פּשאַ יוכאַ! (שווייג, הינטיש בלוט) - האָט ער אָנגע־שריגן אויף דעם הונט און אים געוואָרפן אַ שטיקל האָלץ.
די פּויערים האָבן זיך דערנעענטערט, אָבער ניט באַגריסט אים מיט דעם געוויינלעכן "זאָל זיין געלויבט יעזוס כריסטוס". צעגעלעק, אַ קורץ־ געוואוקסיקער, אַ שטאַרק־געבויטער, ווי אַ דעמבן־קלעצל, מיט אַ גרויסער גלאַטער טשופּרינע, וואָס פאַלט אים אין די אויגן אַריין, האָט מיט

פעסטע פיס אָנגעשפּאַרט זיך אין דער ערד און באַטראַכט די מענטשן מיט איין אויג, אַ שאַרפֿס, אַ דורכדרינגלעכס פֿון אַ קלוגס. דאָס צווייטע אויג איז געווען ביי אים אַן אויסגערונענס, אַ רויט שפּעלטל בלויז. דער עולם האָט געוואַרט, ער זאָל אָנהייבן רעדן, אָבער צעגעלעק האָט געשוויגן. דער "וואָיט" האָט זיך אויסגעהוסט, כאָטש ער האָט עס נישט געדאַרפֿט, און אָנגעהויבן רעדן:

- צעגעלעק, מען האָט די נאַכט ביי רפאל, דעם מילנער אַרויסגעפֿירט די פֿערד פֿון שטאַל.

- נו? - האָט צעגעלעק אַ ברום געטאָן.

- נו, זאָגט מען, אַז דאָס איז דיין אַרבעט, צעגעלעק.

אָנשטאָט געבן אַן ענטפֿער, האָט צעגעלעק געלאָזן אַרויסגענומען פֿון אַ חזירשער בלאָז אַביסל מאַכאָרקע, ער האָט פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, אָנגעקלאַפּט צוויי צינד־שטיינדלעך און פֿאַררויכערט. ערשט נאָכן פֿאַר־ציען אַ היפּש ביסל רויך און אַרויסלאָזנדיק עס צוריק דורך דעם מויל און דער נאָז, האָט ער עטלעכע געציילטע ווערטער אַרויסגעזייעט:

- אַז איר וועט זיי געפֿינען ביי מיר, קענט איר זיי נעמען.

די פֿויערים האָט אויפֿגעקאָכט זיין געלאַסנקייט:

- קיינער האָט זיי נישט גענומען, נאָר דו - האָבן זיי געשריגן - אַלע זאָגן אַזוי.

צעגעלעק האָט ווידער אַריינגעצויגן אַ היפּש ביסל רויך:

- זאָגן קען מען אויף יעדן - האָט ער גערעדט געלאַסן - אַפֿילו אויפֿן גלח אַליין. פֿון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן ... מען דאַרף געפֿינען אָדער האָבן עדות.

די פֿויערים זיינען נאָך מער אויפֿגעקאָכט געוואָרן. טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַזוי גלאַטיק גערעדט, און זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן, זיינען זיי נאָך בייזער געוואָרן. דער "וואָיט" האָט ברייט געעפֿנט צעגעלעקס אָרעמע שטאַל. אַ ציג האָט אויף אים געמעקעט פֿון דעם שטאַל אַרויס.

- אפֿשר איז דאָס דיינע, ראַפּאַל? - האָט צעגעלעק געשפּאָט - נעם זי און מעלק זי אויס.

רפאל האָט די שוואַרצע באָרד אויסגעקראַצט פֿון מעל:

- הער אויס, צעגעלעק - האָט ער געזאָגט - די פֿערד זיינען ביי מיר טייערע. פֿינף און צוואַנציק רובל אין מזומנים וועל איך געבן, אַז

מען וועט זיי מיר צוריק אַריינשטעלן אין שטאַל אַריין. אַלע מענטשן הערן.
צעגעלעק האָט אויף אים געפינטלט מיטן בלינדן אויגל.
- ביסט כיטרע, ראַפּאַל, - האָט ער געזאָגט מיט האַס, - אָבער צע־געלעק איז קליגער פון דיר. נישט איך האָב דיינע פערד גענומען, נישט איך ווייס ווער עס האָט זיי גענומען.
ער האָט אָנגעשפּיגן זיך איןביידע הענט און גענומען האַקן ווייטער דעם קרומען וואָרצל, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די מענטשן מער.
די פּויערים זיינען אַוועק בייזע פון בערגל.
זינט עטלעכע יאָר האָבן זיי געהאַט פון צעגעלעקן אַ סך צרות אויס־צושטיין. זינט ער איז צוריקגעקומען פון קרימינאַל און זיך אויפן בערגל באַזעצט, איז קיין מנוחה נישט געווען אין דאָרף. דאָ איז אַ לאָפּאַטע אַוועקגעקומען פון פערד אויב מען האָט זי פאַרגעסן אַריינצונעמען; דאָ איז אַ האַק פאַרפאַלן געוואָרן; דאָ האָט אַ קאַטשקע געפעלט פון דער סטאַדע וואָס איז געקומען פון טייכל. פּונקט ווי קליינע גנבות, זיינען אויך גרעסערע גנבות אָנגעגאַנגען. אַמאָל פלעגט אַ געשפּאַן פאַרשווינדן פון שטאַל אַרויס. איינמאָל האָט מעןביים פּריץ דאָס פענצטער ביי־נאַכט געעפנט, און דעם גאָלדענעם זייגער אַרויסגעגנבעט; דער גלח האָט זיך געקלאָגט, אַז אין דער קירכע פעלט געלט פון דער פּושקע. כאָטש דער "וואָיט" איז אַלע מאָל נאָך יעדער גנבה אין דאָרף געגאַנגען אויפסניי זוכן ביי צעגעלעקן און אויפסניי גאָרניט געפונען, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון זיין הויז; אַז די קליינע גנבות מאַכן זיין ווייב און קינדער, און די גרויסע - צעגעלעק אַליין. פריער זיינען קיינמאָל אַזעלכע זאַכן ניט פאָרגעקומען אין דאָרף.
טאָמער איז נאָך געווען ווינציק די גנבות, האָט צעגעלעק אויך אַלערליי אַנדערע שאָדנס און שטיקלעך דעם דאָרף אָפּגעטאָן. איין מאָל האָט דער יידישער קרעמער פון דאָרף געפונען אין דער פרי, אַז עמעצער האָט אויסגעבויערט אַ לעכל אין פאַס נאַפט. וואָס ער האָט געהאַט שטיין אין פעדער־הייזל, און דער גאַנצער נאַפט האָט אויסגערונען. כאָטש מען האָט קיינעם ניט געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט מען געוואוסט אַז דאָס האָט צעגעלעק געטאָן. דאָס האָט ער זיך נוקם געווען דערפאַר, וואָס דער קרעמער האָט נישט געוואָלט געבן אויף באָרג זיין ווייב אַ קוואַטירל נאַפט פאַרן לעמפּל. עס האָט געפעלט אַ האָר, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל

אָפּגיין מיטן פייער. אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער אָנצינדן די ראַצן, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי זיך אין הויז, און לאָזן זיי ברענענדיקע לויפן איבער די פעלדער, און גראָד דאַן ווען די טריקעניש איז גרויס. אַ סך מאָל פלעגט ער גאָר חוזק מאַכן פון די פויערים, אָפּנאַרן און מאַכן זיי צו לייטנס געלעכטער.

פאַר די עטלעכע יאָר צייט האָבן די פויערים נישט איין מאָל געפּאָדערט ביים "וואָיט", מען זאָל דעם צעגעלעק אַרויסטרייבן, די שוואַרצע קרעציקע שאָף פון דער ריינער סטאַדע אַרויסנעמען. אָבער דער "וואָיט" האָט גאָרניט געטאָן דערצו.

- אַז מען האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, קאָן מען גאָרנישט ניט טאָן - האָט ער געטענהט - אַזוי איז דאָס געזעץ.

איצט, נאָך די פערד, וואָס מ׳האָט אַרויסגעגנבעט פון רפאלס שטאַל אַרויס, האָט דאָס בלוט ביי אַלעמען געקאָכט פון צאָרן קעגן צעגעלעקן.

- וואָס פאַר אַן עלטסטער ביסטו? - האָבן זיי געשריגן צום "וואָיט"

- אַז דו קענסט דאָס דאָרף נישט אָפּהיטן פון שלעכטס?

- וואָס פאַר אַ באַלעבאָס ביסטו, אַז מיר זיינען נישט זיכער מיט די פערד אין די שטאַלן?

דער "וואָיט" אַ פאַרלאָרענער, אַ צעטומלטער פון די געשרייען אויף אים, איז געשטאַנען מיט אַן אַרפּאָגעלאָזענעם קאָפּ. פלוצלונג האָט ער אויסגעגליכן די ברוסט, אַרויסגעזעצט דאָס בלעכל פון זיין אַמט, און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין דר׳ערד:

- וואָס שלעפּן זיך דאָ די "באַבעס" מיט די קינדער הינטער די טריט? - האָט ער זיך גענומען בייזערן – מען קען קיין וואָרט נישט אויסרעדן - אַהיים, ווייבער, אַהיים!

די ווייבער האָבן אַ בליק געכאַפּט צו די מענער, צו זוכן זייער הילף, אָבער די מענער האָבן זיי קיין הילף נישט געגעבן. זייערע אויגן זיינען געווען בייז. האָבן די ווייבער פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען איבעריק דאָ, און זיי האָבן גענומען די קינדער און אומווילק אַוועק אַהיים. אַז די ווייבער זיינען שוין געווען היפּש דערווייטערט, האָט דער "וואָיט" אויפגעהויבן די האַנט און געגעבן אַ צייכן, מען זאָל אים הערן.

- מענטשן - האָט ער געזאָגט שטיל - די צונג צווישן די ציין האַלטן קענט איר?

- אַז מ׳דאַרף, וועט מען האַלטן - האָבן קולות געענטפערט.

- הערט זשע, וואָס איך רעד צו אייך - האָט דער "וואָיט" סודותדיק געזאָגט - איך קען צעגעלעקן גאָרנישט טאָן. איך האָב גאָרנישט געפונען. אָבער צו וואָס דאַרפט איר מיך? פויערים דאַרפן אַליין זיך

קענען אַן עצה געבן מיט אַ גנב, איך וועל פון גאָרנישט ניט וויסן...
איידער עמעצער נאָך האָט אַ וואָרט אויסגערעדט, האָט דער "וואָיט" זיך איינגעוויקלט אין זיין ברוינער קאַפּאָטע און גיך אַוועק.
די פּויערים האָבן זיך איבערגעקוקט:
- רייכטיקע רייד!
- שוין לאַנג געדאַרפט טאָן.
- אַז די פּאָליציי גיט אונדז נישט קיין גערעכטיקייט, וועלן מיר אַליין זי נעמען.
- פּויערישע גערעכטיקייט, ברידער!
- צו ציגעלעקן צוריקגיין!
- אָפּרוימען אים, דעם הינטישן זון!
- די קישקעס אַרויסלאָזן!
יאַן דער שמיד האָט אויפגעהויבן אַ פאַרשמירטע פאַרקאַשערטע האַנט.
- שרייט נישט אַלע ווי די גענדז - האָט ער געזאָגט - אַ זאַך דאַרף מען טאָן באַרעכנט; קיינער זאָל נישט וויסן, און נישט מיט די בלויזע הענט. צעגעלעק איז אַ שלעגער, מעגלעך, אַז ער האָט אַ ביקס אין שטוב.
- ריכטיק - האָבן די פּויערים צוגעגעבן - קלוגע רייד רעדסטו, יאַן.
דער שמיד האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיינע וואָנצעס אַריין פון די שבחים וואָס מען גיט אים, און געגעבן באַפעלן ווי אַן עלטסטער.
- גייט יעדער צו זיך אַהיים – האָט ער באַפוילן - און רעדט קיין וואָרט נישט, אפילו פאַר די אייגענע ווייבער נישט. ביינאַכט, ווען די ווייבער און קינדער וועלן שוין שלאָפן, נעמט יעדער אין דער האַנט וואָס עס לאָזט זיך, אַ האַק, אַ מעסער אָדער אַ שטעקן און קומט זיך צונויף ביי רפאלס מיל. פון דאָרט וועלן מיר שטילערהייט אַוועק צו צעגעלעקן. אַז פּאָליציי וועט צומאָרגנס קומען, זאָל קיינער פון אונדז נישט וויסן גאָר־נישט. געדענקט זשע ביי דער מיל טרעפט מיר זיך!
די פּויערים זיינען שווייגנדיק זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיין היים, צו זיין אַרבעט. רפאל דער מילנער איז אַוועק צו זיך. אָבער אָנ־שטאָט אַריינצוגיין אין מיל, איז ער אַריין צום ווייב אין קיך.
- ביילע – האָט ער געזאָגט שטיל - אַ ניי אומגליק אויף מיין קאָפּ.
ביילע האָט פאַרבראָכן די הענט, נאָך איידער זי האָט געוואוסט עפּעס. רפאל האָט איר אַ דערשראָקענער דערציילט, וואָס מען האָט אים אָנגע־זאָגט נישט צו דערציילן.

- און מיך האָבן זיי גערופן מיט זיך – האָט ער מיט שרעק גערעדט
- וואָס טוט מען?

רפאל און זיין ווייב זיינען געזעסן שווייגנדיקע. זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון שטענדיקן וואוינען אין די דערפער, האָבן זיי גוט געוואוסט וואָס פויערים קענען אָפטאָן, ווען זיי טיילן אויס גע־רעכטיקייט. קיין שום רחמנות איז נישטאָ ווען זיי טראָגן אַרויס אַ משפט קעגן אַ זינדיקן. איבערהויפט זיינען זיי ביטער, ווען זיי פּאַקן אַ פערד־גנב. ביסלעכווייז דערהרגענען זיי אַזעלכן. און כאָטש רפאל און זיין ווייב האָבן גע־גלויבט, ווי די איבעריקע איינוואוינער אין דאָרף, אַז ניט קיין אַנדערער ווי צעגעלעק האָט זיי די פערד אַרויסגעפירט פון שטאַל אַרויס, האָבן זיי אויפגעשוידערט פון געדאַנק בלויז, אַז מ׳וועט אים דערהרגענען אין דער נאַכט.

- ווי איז מיר – האָט רפאל געזיפצט - אַ האַק האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט מיטצונעמען.

כאָטש רפאל איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, האָט ער געוואוסט, אַז רציחה איז דאָס ערגסטע אין דער וועלט. אין זיין גאַנצן לעבן האָט ער קיינמאָל קיין בלוט נישט פאַרגאָסן, נישט נאָר פון אַ מענטשן, נאָר אַפילו נישט פון קיין חיה ער האָט אַפילו נישט רעכט פאַרטראָגן, ווען די שכנים פלעגן קוילן אַ חזיר און דער חזיר האָט ס׳גאַנצע דאָרף מיט זיינע קולות פאַרטויבט. נאָך ווינציקער האָט ער געקענט ליידן, ווען די פויערים אין דאָרף פלעגן זיך אַמאָל שיכורע צעשלאָגן און מיט "קלאָ־ניצעס" פון די וואָגנס די קעפּ זיך עפּענען. ביי זיין גאַנצן כוח, האָט ער געפילט אַן עקל צו בלוט. אפילו ווען ער פלעגט אַמאָל אַראָפּברענגען דעם שטעטלשן שוחט צו זיך אין דאָרף און שעכטן אַ קעלבל, האָט ער ניט געקענט צוקוקן זיך צו דער שחיטה. דער שוחט פלעגט אים אויס־רעדן:

- אַז מען מאַכט אַ ברכה, פילט די בהמה נישט קיין ווייטיק, ר׳ רפאל – האָט ער אים געזאָגט.

רפאל האָט דעם שוחט געגלויבט, אָבער קוקן פונדעסטוועגן ווי מען שעכט אַ קאַלב, האָט ער נישט געקאָנט. אַ חלשות פלעגט אויף אים אָנ־פאַלן. איצט האָבן די שכנים אים געהייסן קומען מיט אַ האַק, אָפּצו־רוימען אַ מענטשן ביינאַכט, די קישקעס אים אַרויסצולאָזן.

- "וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? – האָט ער געפרעגט זיך אַליין, ווויסנדיק גאַנץ גוט אַז ער האָט נישט קיין תשובה.

רעדן צו די פויערים וועגן רחמנות האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט

געקענט די שכנים זיינע, געוואוסט, אַז כאָטש זיי האַלטן פון אים, וועלן זיינע רייד קיין פעולה נישט האָבן, ער וועט זיך בלויז נאַרעש מאַכן, דאָס אַלץ. אָפּזאָגן זיך פון מיטגיין, האָט אוודאי קיין זין נישט געהאַט. זיי וועלן אים האַלטן פאַר אַ פּחדן, וואָס היט זיך די אייגענע פעל, ווען אַלע אַנדערע שטעלן זיך איין. דערצו האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר אים. צוליב זיינע פערד וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון שטאַל, ווילן זיי צעגעלעקן אָפּרוימען. וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן, ווען ער וועט זיי אַזוי אָפּצאָלן דערפאַר.

ביילע האָט אַרויסגענומען פון דער קיך אַ טאָפּ פאַרעדיקע קאַרטאָפל און אָנגעשאָטן אין ליימענע שיסלען. זי האָט אַרויפגענומען פון קעלער קאַלטע זויער־מילך און אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש. דערצו האָט זי אויך אַ יונגע ציבעלקע צעשניטן און פאַרבראָקט די הייסע קאַרטאָפל. די געשמאַקע פּאַרע איז זיך צעגאַנגען איבער דער קיך.

- רפאל – האָט זי געזאָגט – גיי צו עסן. האָסט נאָך היינט אין דיין מויל נישט געהאַט.

רפאל האָט נישט געקאָנט עסן. אַ שווייגנדיקער איז ער אַרויס אין דרויסן. אין הויף איז נאָך אַלץ דער געהרגעטער הונט געלעגן. רפאל האָט אים אַוועקגעשלעפּט הינטערן הויף און אַ טיפן גרוב פאַר אים אויסגעגראָבן. אַ מידער פון גראָבן און פון עגמת־נפש איז ער אין דער מיל אַריין און זיך אין די ליידיקע זעק אַריינגעוואָרפן.

- גאָט – האָט ער געורופן, אויפהייבנדיק די שוואַרצע אויגן צו די אויסגעפוילטע קראָקוועס – העלף מיר, טאַטע זיסער אין הימל.

ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט אַ זאַק און שווער איינגעשלאָפן.

אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין אָוונט אַריין איז רפאל אָפּגעשלאָפן אין מיל. ווען די הינט אין דאָרף האָבן אָנגעהויבן שטאַרק בילן אויף דער נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און אַרום־געקוקט זיך אַרום זיך. דורך אַ נישט־פאַרלאַטעטן לאָך אין שינדל־דאַך האָט אַ שטיקל אויסגעשטערנטער הימל אַריינגעקוקט. רפאל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דורכגעלאָזט אַ מנחה און אַריין אַ מרה־שחורה־דיקער אין שטוב. ביילע זיין ווייב האָט אים ווידער גערופן עסן:

- רפאל, וועסט דאָך פאַלן פון די פיס – האָט זי געזאָגט – גיי צו און עס עפּעס אָפּ.

- כ׳וועל דאַוונען מעריב – האָט רפאל געענטפערט, און ער האָט זיך געוואַשן די הענט.

אין מיטן דער שמונה־עשרה האָט ער דערהערט טריט, וואָס דער־נעענטערן זיך. ער האָט גיך אָפּגעזאָגט די שמונה־עשרה און אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער. די ערשטע פויערים האָבן געוומען אָנקומען און זיך אויסגעזעצט אויפן קלאָץ אין הויף. די פּייערלעך פון זייערע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן האָבן געלויכטן און געלאָשן זיך אין דער טונקלקייט.

- זיי קומען אָן - האָט ער געשעפּטשעט - וואָס טוט מען,ביילע?

אַ ווײַלע איז ביילע געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע, מיט ביידע הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. באַלד איז איר אַ געדאַנק איינגעפאַלן. פון איר באָבע דער אַרענדאַרקע האָט זי קינדווייז נישט איין מאָל געהערט ווי אַזוי זי פלעגט ראַטעווען דעם זיידן, ווען דער פּריץ פלעגט זיך אָנ־שיכורן און געוואָלט אים שלעכטס טאָן. שטענדיק פלעגט זי אים אין בעט אַריינלייגן, אַ הייסע שטאַרץ צום בויך צולייגן און אָנגעזאָגט אים, ער זאָל קרעכצן, מיט אַלע כוחות קרעכצן. אָט דער באָבעס עצה איז ביילען איצט אין קאָפּ אַריין. זי האָט שנעל צערודערט דאָס שטרוי אין מאַנס בעט, עטלעכע קישנס אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס, ווי געוויינלעך מען מאַכט פאַר אַ קראַנקן און רפאלן אַריינגעוואָרפן אונטער דעם איבערבעט.

- ביזט קראַנק – האָט זי אים אָנגעזאָגט – הערסט! קראַנק ביזטו, דער בויך טוט דיר וויי.

רפאל האָט זיך געשעמט:

- ביילע, גאָט איז מיט דיר - האָט ער געמורמלט - זיי האָבן דאָך מיך אין דער פרי געזען.

- רעד נישט און צי בעסער אַראָפּ די שטיוול פון די פיס - האָט ביילע באַפוילן.

איינס און צוויי האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ פייערקע פון דער קיך, איינ־געוויקלט זי אין שמאַטעס און צוגעלייגט רפאלן צום בויך; דערנאָך האָט זי אים איבערגעדעקט און אַוועקגעזעצט זיך אויפן ברעג בעט לעבן אים.

- קרעכץ, - האָט זי אים געזאָגט, - ווי גאָט איז דיר ליב, רפאל, קרעכץ.

די שטימען אין דרויסן האָבן זיך אַלץ מער געהערט אויפן הויף. באַלד האָט זיך דורכגעשניטן אַ פייף. אַז קיינער איז נישט אַרויס, זיינען די פויערים אַריין אין שטוב.

- ראַפאַל – האָבן זיי גערופן - וואו ביזטו?

ביילע האָט זיך געשטעלט לעבן בעט ווי אַ שוץ.

- רפאלן האָט דער בויך געכאַפּט – האָט זי געזאָגט אַ קרעכצנדיקע

- כ´האָב אים שוין עטלעכע שטאַרצן צוגעלייגט און עס העלפט נישט. אַלץ פון עגמת־נפש איבער די פערד, אָט ליגט ער.

די פויערים האָבן געקוקט אויף דער שוואַרצער באָרד זיינער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון בעטגעוואַנט אַרויס, און שווער געשוויגן. דער שמיד, מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט האָט אָפּגעדעקט די פּערענע.

- דער בויך געכאַפּט - האָט ער נאָכגעשפּעטביילען - מיר קען מען אַזעלכע זאַכן נישט איינרעדן. איך פאַרשטיי מיך אויף יידישע קונצן,

רפאל האָט דערפילט אַן אמתן ווייטיק אין די געדערים:

- שכנים, - האָט ער געמורמלט, - האָב איך אייך שוין אַמאָל אָפּגענאַרט?

יאַן האָט מיט כעס צוגעדעקט אים צוריק מיט דעם איבערבעט:

- גלייבט אים נישט מענטשן - האָט ער געזאָגט צו די פויערים

- דאָס וויל עד זיך אויסדרייען פון מיטגיין, דער ייד... אָפּטיילן זיך פון דאָרף ווי אַ פרעמדער.

ביילע האָט ביידע הענט פאַרבראָכן:

- מענטשן האַרציקע - האָט זי אָנגעהויבן רעדן.

יאַן האָט איר איבערגעריסן:

- שווייג, ביילע - האָט ער געזאָגט מיט צאָרן – מיר´ן אַליין ניין. אָבער מירן עס געדענקען - קומט, מענטשן!

- קומט! - האָבן די פויערים געזאָגט, און אַרויסגעשפּאַרט זיך פון שטוב.

אין דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט האָבן די פויערים פון ליעשנאָווקע צוויי משפטים אַרויסגעגעבן איבער מענטשן, וואָס קענען ניט זיין מיט דער עדה: דעם גנב צעגעלעק האָט מען דערהרגעט, מיט דרענגער דאָס האַרץ אונטערגעהאַקט. רפאל דעם מילנער האָט מען מיט שטיינער די שויבן פון שטוב אויסגעשלאָגן.

גלייך אויף צו מאָרגנס האָט רפאל גענומען זוכן אַ קונה אויף זיין מיל און די פעלדער.

- כ´וועל פאַרקויפן אין מקח – האָט ער געזאָגט צו די מעקלערס

- כ´וויל אַריבער צו יידן אין שטאָט.